# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת מצורע, שבת הגדול, י"ב ניסן, שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 29 (647)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................. 7:21
מוצאי שב"ק.................... 8:53

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.................. שמואל א יב - יג
בבלי................. בבא מציעא נב
ירושלמי.................. עירובין לז
תוספתא............. בבא מציעא ז
רמב"ם.................... כלאים ט

## זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת

אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן אַ מַצָּה אִין הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט: "אַז מֶען הַאלְט אַ מַצָּה אִין דִי הַאנְט, הַאלְט מֶען גָאט אִין דִי הַאנְט". מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּם פֶּסַח. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הרה"ק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק מִבַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע פְלֶעגְט קוּשְׁן דִי מַצוֹת וַוייל עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה אוּן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט. אוּן אַזוֹי בְּרֶענְגְט דֶער שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ (מַסֶכֶת פְּסָחִים, בֵּאֵר הֵיטֵב או"ח סִימָן תע"ז ס"ק א') אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן קוּשְׁן דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת.

אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא דַף מ"א.) וֶוערְן דִי מַצוֹת אָנְגֶערוּפְן "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא" – אַ מַאֲכָל פוּן אֱמוּנָה. מִיט יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָּה וָואס אַ אִיד עֶסְט, גֵייט אַרַיין אִין אִים אֱמוּנָה. פַארְוָואס עֶסְט מֶען דֶען מַצָּה? נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה. אִין אַן אַנְדֶער פְלַאץ אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת תְּצַוֶה דַף קפ"ג:) רוּפְט עֶר אָן דִי מַצוֹת "מֵיכְלָא דְאַסְוָתָא" – אַ מַאֲכָל פוּן רְפוּאָה. דָאס עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה בְּרֶענְגְט אַ רְפוּאָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, סֵיי אַ רְפוּאָה בְּרוּחְנִיוּת אוּן סֵיי אַ רְפוּאָה בְּגַשְׁמִיוּת.

קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אִינְגַאנְצְן פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן; עֶר בַּאקוּמְט אַ לוֹיטֶערֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע סָארְט קְרֶענְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, בְּרוּחְנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דִי צְוֵויי זַאכְן, אֱמוּנָה אוּן רְפוּאָה, גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה') אַז אַלֶע קְרֶענְק וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט קוּמְט נָאר וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע קְרֶענְק אַזוֹי, אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל אִיז דָאס אַזוֹי בַּיי גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט זֵייעֶר נֶערְוֶועז אוּן גֶערֶעגְט פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן אוּן אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אָדֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלֶעמָאל בַּאזָארְגְט, עֶר זָארְגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶס וֶועט זַיין, עֶר הָאט פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק אַז עֶס גֵייט קוּמֶען עֶפֶּעס גָאר גֶעפֶערְלִיכֶע זַאכְן, עֶר הַאלְט אִין אֵיין אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אַ זַאךְ אוּן עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת וָואס פַּיינִיגְן אִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זֶענֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט נֶערְוֶועזְן קְרֶענְק פוּן וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן נֶעבֶּעךְ גָאר אַסַאךְ. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אוֹיסְגֶעהֵיילְט צוּ וֶוערְן דֶערְפוּן, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיז נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט גוּטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן אִים אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן וֶוערְט זַיין מֹחַ אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אוּן עֶר וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע זַיינֶע קְרֶענְק.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס לִיגְט אִין דִי מַצוֹת. נִישְׁט אַז מֶען זָאל מַאכְן אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט פוּן דִי מַצוֹת, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת וִוי אַזוֹי צוּ עֶסְן דִי מַצָּה אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע וֶועגְן וֶועלְכֶע קֶענֶען צוּמָאל אֲפִילוּ זַיין אַ סַכָּנָה, מֶען קֶען וֶוערְן אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם עִיקָר אַז מֶען עֶסְט דִי מַצָּה נָאר וַוייל מִיר גְלֵייבְן אִין בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן עֶסְן דִי מַצָּה, אוּן מִיט דֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ עֶסְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, קֶען עֶר זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם אַ שְׁוֶוערֶע קֻשְׁיָא, מִיר זֶעעֶן דָאךְ וִוי שְׁטַארְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעבְּן אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ אִין שְׁטוּבּ; מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, מֶען רֵיינִיגְט אוּן מֶען זוֹיבֶּערְט, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע אַז עֶס זָאל נָאךְ בְּלַייבְּן בַּיי אַ אִיד אַ שְׁטִיקְל

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פח) וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן "הֲפִיכַת הַשֻׁלְחָן בְּשַׁבָּת הַגָדוֹל"? מֶען זֶעט שַׁבָּת הַגָדוֹל אִיז אִין אַלֶע שְׁטוּבֶּער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, עֶס טוּט זִיךְ אַ בֶּהָלָה; זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ'ן דִיבּוּר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מא, כב): "וַיְדַבֵּר אֵלַי זֶה הַשֻׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי ה'", וִויל מֶען יֶעצְט וַוייזְן אַז יֶעצְט אִיז נָאךְ דֶער דִיבּוּר אִין גָלוּת, עֶס אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אָבֶּער אַז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר וֶועלְן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן פֶּה-סָח, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע טִישׁ אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם.

דָאס אִיז וִוִיכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען, יֶעדֶעס מָאל עֶס וֶוערְט בַּיי אֵיינֶעם 'הֲפִיכַת הַשֻׁלְחָן', עֶס וֶוערְט אִים אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיין סֵדֶר הַיוֹם, זַיין שְׁטוּבּ, זַיין פַּרְנָסָה, זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט - דָאס אִיז אַלְץ וַוייל עֶס פֶעלְט דֶעם דִיבּוּר, מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט אַלֶעס אִין פְּלַאץ, עֶס אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, נִישְׁטָא קַיין הֲפִיכַת הַשֻׁלְחָן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְצוֹרָע תשפ"ב)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ — יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָעִים גוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי הֲכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מֶען וֵוייסְט פוּן רֶבִּי'ן, אַלֶעס גֵייט צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ צוּ רוּימֶען דִי חָמֵץ.

וֶוען אִיר רוּימְט אוֹיס דִי חָמֵץ זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חָמֵץ וָואס אִיז אִין הַארְצְן, דִי חָמֵץ וָואס לִיגְט אִין מֹחַ; דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן (בְּרָכוֹת יז.): 'שְׂאוֹר שֶׁבְּעִסָּה', מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִיז אָסוּר - אֲפִילוּ בְּמַשֶׁהוּ; אֵיין פִּינְטֶעלֶע קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה אִיז שׁוֹין זֵייעֶר בִּיטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ה): "וְתַעֲשֶׂה מֵאוֹתִיוֹת חָמֵץ מַצָּה, הַיְנוּ שֶׁלֹּא תַּחְמִיץ חָכְמָתְךָ", חָמֵץ אוּן מַצָּה הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת, בֵּיידֶע הָאבְּן אַ מ' אוּן אַ צ', דֶער גַאנְצֶער חִילוּק אִיז פוּן דֶעם אוֹת חֵי"ת אוּן דֶעם אוֹת הֵ"א וָואס מַאכְט אִינְגַאנְצְן אוֹיס אַ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע, וַוייל אַז מֶען לֵייגְט צוּ אַ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע צוּם אוֹת הָ"א וֶוערְט דָאס אַ חֵי"ת; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אֲפִילוּ בְּמַשֶׁהוּ.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז אָן תְּפִלָּה קֶען מֶען גָארְנִישְׁט; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין נִזְהָר פוּן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּגֵיין אִין יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה"; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין נִזְהָר פוּן חָמֵץ אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב.

מוֹהֲרַא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, רֶבִּי דָוִד מְמִיקוֹלַייב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן וֵויין פַאר זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר הָאט עֶס אַלֵיינְס גֶעמַאכְט מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע עִנְיָנִים אוּן מִיט אַלֶע בְּחִינוֹת וְכוּ' וְכוּ'. אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי גְרֶענִיץ אוּן דֶער וֶועכְטֶער הָאט גֶעעֶפְנְט דִי וֵויין אוּן עֶס מְטַמֵּא גֶעוֶוען, עֶר הָאט עֶס גֶעמַאכְט יַיִן נֶסֶךְ. רֶבִּי דָוִד אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסֶער זִיךְ, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין רֶבִּי דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן לְטוֹבָה?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז עֶר הָאט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

מוֹהֲרַא"ש פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן מִיט אוּנְז, מִיר זָאלְן ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; נָאר אַזוֹי הָאט מֶען הַצְלָחָה.

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, גֵייט מְזַכֶּה זַיין אַנְדֶערֶע זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן וָואס מִיר הָאבְּן; זַייט עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן מֵפִיץ זַיין. מִיר דַארְפְן גֶעבְּן אוּנְזֶער חַיִים טוֹבִים פַאר אַנְדֶערֶע, מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט הַאלְטְן בְּלוֹיז פַאר אוּנְז; מִיר דַארְפְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וִוי מֶער. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ; מֶען דַארְף יֶעצְט הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב, אָבֶּער אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן דַארְף מֶען גֵיין מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְקוּת.

קוֹיפְט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פַאר דִי וַוייבּ לִכְבוֹד יוֹם טוֹב; גֶעבּ אִיר גֶעלְט מִיט אַ גוּט אוֹיג, מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ. זָאג אִיר 'דָאס אִיז פַאר דִיר לִכְבוֹד יוֹם טוֹב', זִי זָאל זִיךְ קוֹיפְן וָואס אִיר הַארְץ בַּאגֶערְט. עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס זִי קוֹיפְט, אַ פְרוֹי וִויל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, זִי הָאט אִירֶע זַאכְן וָואס זִי דַארְף; זָאלְסְטוּ אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה, אַ גֶעבֶּעט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ אַלֵיין קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר מִיט דַיין הִילְף וֶועל אִיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶענוּג גֶעלְט צוּ קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן פוּן יוֹם טוֹב, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן פֶּסַח, אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן וֶועלְן נִישְׁט גֵיין אַזוֹי וִוי אִיךְ וִויל, אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, זָאל אִיךְ נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג נָאר אִיךְ זָאל זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטִימוּנְג אִין מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ אַלֵיין זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. דִי שִׂמְחָה זָאל זִיךְ אִיבֶּערְגִיסְן פוּן מִיר אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ וֶוער עֶס וֶועט נָאר שְׁטֵיין נֶעבְּן מִיר זָאל אוֹיךְ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער מַיין גַאנְצֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח פַאר דִיר, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַאר דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶסְן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ אוּן עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען אִין מַיין הוֹיז קַיין מַשֶׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה אוֹיסְצוּרֵיינִיגְן דֶעם חָמֵץ פוּן מַיין שְׁטוּבּ אוּן אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, אַז דִי מַצָּה זָאל אוֹיסְוַואשְׁן מַיין הַארְץ, עֶס זָאל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מַיין הַארְץ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז אִיךְ זָאל נָאר גְלֵייבְּן אִין דִיר מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז נָאר דוּ פִירְסְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דִיר. דִי מַצָּה זָאל זַיין צוּ מִיר פַאר אַ רְפוּאָה, עֶס זָאל מִיר אוֹיסְהֵיילְן פוּן אַלֶע סָארְט קְרֶענְק, סַיי פִיזִישֶׁע קְרֶענְק אוּן סַיי גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק, עֶס זָאל מִיר אוֹיסְהֵיילְן בְּגַשְׁמִיוּת אוּן עֶס זָאל מִיר אוֹיסְהֵיילְן בְּרוּחֲנִיוּת.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז דִי שִׂמְחָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן פוּן אַלֶע מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב זָאל מִיר בַּאגְלֵייטְן

<<<<<<

>>>>>>

חָמֵץ אוּם פֶּסַח; אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶעט מֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה, לֵיידֶער פַאלְט מֶען יָא דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת אִינְמִיטְן דִי יָאר.

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז אַז וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין חָמֵץ אוּם פֶּסַח, עֶר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן מַצָּה אוּם פֶּסַח, דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעוֶוען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים נָאר דֶערְמַאנֶען פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן. אַנְשְׁטָאט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי פִילֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, יֶעדֶער אִיד אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד', ז') "'כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ' - אֲפִילוּ רֵיקָנִים שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְווֹת כְּרִמּוֹן" - אֲפִילוּ דִי לֵיידִיגְגֵייעֶר צְוִוישְׁן דִי אִידְן זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְוֹת וִוי אַ מִילְגְרוֹים, אוּן מִיט דֶעם דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר פְרֵייעֶן. דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, עֶר וִויל נָאר אַז אַ אִיד זָאל זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין זַאק אַרַיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלִירְט זַיין חֵשֶׁק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר טָארְן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר דַארְף אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ אוּן מִיט דֶעם זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע וֶוערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ב).

דֶער הֵיילִיגֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז לֵיידֶער אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג בִּיז עֶר אִיז ל"ע גֶעוָוארְן אַ גַלַח אוּן דֶערְנָאךְ אַ בִּישׁוֹף. דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם אַז עֶס הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז זַיין תַּלְמִיד זָאל אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה. עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט דֶעם תַּלְמִיד אוּן אִים אַלֵיין פְרֶעגְן דִי סִיבּוֹת וָואס הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ, בִּיז עֶר הָאט טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אִים.

<<<<<<

>>>>>>

הָאט דֶער תַּלְמוּד דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יְשִׁיבָה פוּנֶעם נוֹדַע בִּיְהוּדָה. דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעגֶעסְן "טֶעג", יֶעדְן טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן בַּעַל הַבַּיִת פוּן שְׁטָאט.

אֵיינְמָאל אִין אַן עֶרֶב פֶּסַח הָאט דֶער בָּחוּר גֶעגֶעסְן בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת, דֶער בַּעַל הַבַּיִת'טֶע הָאט גֶעמַאכְט אַ קַארְטָאפְל קוּגְל, אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֵוייצְל אִינֶעם קוּגְל. דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר צוּם נוֹדַע בִּיְהוּדָה צוּ פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג עֶסְן דֶעם קוּגְל, אוּן דֶער בָּחוּר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם נוֹדַע בִּיְהוּדָה מִיט דִי שְׁאֵלָה. דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְפַלְפֵּל זַיין אִין דִי הֲלָכָה, "עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס זֶענֶען עֶס מַתִּיר, אוּן עֶס אִיז דָא פּוֹסְקִים וָואס אֲסְרְ'ן עֶס", "אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה" - הָאט דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה אוֹיסְגֶעפִירְט - "הַאלְט אִיךְ אַז עֶס אִיז אָסוּר" אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בָּחוּר פַארְוָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אַזוֹי.

דֶער בָּחוּר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב פֶּסַח, וֶוען חָמֵץ טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן אוּן מַצָּה קֶען מֶען נָאכְנִישְׁט עֶסְן, אוּן פוּן גְרוֹיס הוּנְגֶער הָאט דֶער בָּחוּר זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט דָאךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט עֶטְלִיכֶע שִׁיטוֹת וָואס הַאלְטְן אַז מֶען מֶעג עֶס יָא עֶסְן... גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דֶעם גַאנְצְן קוּגְל... אוּן פַארְ'ן בַּעַל הַבַּיִת הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט עֶס גֶע'אֲסַרְ'ט, אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְט דֶעם קוּגְל.

גְלַייךְ נָאכְ'ן אוֹיפְעֶסְן דֶעם קוּגְל הָאט אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם בָּחוּר, "קוּק וִוי אַזוֹי דוּ בִּיזְט אַזוֹי שְׁטַארְק נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אַז דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן חָמֵץ אוּם פֶּסַח וָואס דָאס אִיז אַזוֹי הַארְבּ, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אִים אַ שְׁטַארְקֶע מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן יֵאוּשׁ אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ וַוייל עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַזַא הַארְבֶּע אִיסוּר.

בַּיינַאכְט וֶוען דֶער בָּחוּר הָאט גֶעדַארְפְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל הַמִּטָּה, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ "אִיךְ גֵיי יֶעצְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּן הַיינְט אַזַא הַארְבֶּער אִיסוּר", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע. אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר שׁוֹין אַוַדַאי זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַן אִיסוּר כָּרֵת, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין סַיי ווִי אָפְּגֶעריסְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אַזוֹי אִיז עֶס גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, פוּן אֵיין עֲבֵירָה צוּ נָאךְ אַן עֲבֵירָה, בִּיז עֶר אִיז אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז עֶר הָאט זִיךְ ל"ע גֶע'שְׁמַדְ'ט אוּן גֶעוָוארְן אַ גַלָח, אוּן דֶערְנָאךְ אַ בִּישׁוֹף.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים, בִּיז עֶר הָאט אִים מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אַלֶע זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן דָאס וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן, נָאר מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט, קֶען מֶען זִיךְ אַזוֹי וַוייט דֶערְקֵייקְלֶען בִּיזְ'ן אַוֶועקְגֵיין אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט רח"ל.

פַארְקֶערְט, וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְק זִיךְ צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קוּקְט זִיךְ גוּט אָן אוּן זֶעט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז שׁוֹין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה אַז עֶר וֶוערְט טַאקֶע אַן אֶמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם לִימוּד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי זָאגְן חֲזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְּרַבִּי כַּהֲנָא) אַז מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַזַא בֶּגֶד וָואס וֶועט הָאבְּן אִין זִיךְ דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁרְ'ן פֶּסַח)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# דַארְף אִיךְ טוּן אַלֶע חוּמְרוֹת פוּן מַיין טַאטֶע אוּם פֶּסַח?

***שְׁאֵלָה:***

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת וָואס מַיין טַאטֶע פִירְט זִיךְ אוּם פֶּסַח?

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה, מִיר מַאכְן דֶעם פֶּסַח בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ מוּז נָאכְמַאכְן אַלֶע חוּמְרוֹת פוּן מַיין טַאטֶע. אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן עֶסְן גֶעבְּרָאקְטְס אוּן דָאס גְלַייכְן, נָאר אַזֶעלְכֶע חוּמְרוֹת וִוי לְמָשָׁל נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין גֶעקוֹיפְטֶע זַאכְן, מִילְכִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן, טְשָׁאקָאלַאד, אוּן נָאךְ.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה), אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח - הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט: "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג אוּן אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעוִויסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' - בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם טָעוּת, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז מִיר בַּייגֶעפַאלְן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?'" דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער דוּרְכְאוֹיס גַאנְץ יוֹם טוֹב עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, "הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'דִי בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען קְוַואל וַואסֶער', וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ", אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיינְס".

מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְן מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פֶּסַח נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען דִי נָאכְגֶעמַאכְטֶע זַאכְן פוּן חָמֵץ. דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן הָאבְּן חוּמְרוֹת, אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן פֶּסַח "פִּיצַא", אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעמַאכְט כָּשֵׁר לְפֶּסַח. אוֹיךְ זֶענֶען מִיר מַקְפִּיד אוֹיף בְּרָאקְן, מִיר בְּרָאקְן נִישְׁט פֶּסַח נָאר אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, אוֹיךְ זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אָפְּצוּשֵׁיילְן דִי יְרָקוֹת אוּן פֵּירוֹת.

מִילְכִיגְס קֶענְסְטוּ עֶסְן; צוּם בֵּיישְׁפִּיל מִילְךְ, קֶעז וְכַדּוֹמֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן

זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַּזְרִיעַ תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< אַ בְּרִיוו פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה

אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר, אִיךְ זָאל אַ גַאנְץ יָאר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן נָאר מַצָּה אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם קַיין שׁוּם בְּרֶעקֶל חָמֵץ אוּם פֶּסַח. אוּן אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאר פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אִיךְ טוּ, מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קוּק זִיךְ אָן אוּן אִיךְ זֶע אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין מִיר אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט אוּן עַצְבוּת, זָאל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן אִים, נָאר אִיךְ זָאל זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס אִיךְ הָאבּ, אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֱמֶת׳דִיג נָאנְט צוּ דִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! אִיךְ וִויל אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם! אַזוֹי וִוי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁקְלַאפְט אִין מִצְרַיִם אוּנְטֶער דֶעם שְׁוֶוערְן יָאךְ פוּן פַּרְעֹה אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִצְרִיִים, דִי זֶעלְבֶּע בִּין אִיךְ אוֹיךְ פַארְשְׁקְלַאפְט אוּנְטֶער מַיין שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע אוּן אוּנְטֶער מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶעם וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין אֵייגֶענֶע שְׁוֶוערֶע גָלוּת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט, זֵיי ווילְן נָאר קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן זֵיי ווִילְן נִישְׁט קוּקְן צוּ דִיר. מַיינֶע אוֹיעֶרְן ווִילְן נָאר הֶערְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן זֵיי ווִילְן זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ דִי קוֹל פוּן דִי צַדִיקִים וֶועלְכֶע ווִילְן מִיר מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מַיין נָאז טוֹיג אוֹיךְ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אַזַא שְׁטַארְקֶע "חֲרוֹן אַף", יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי אִיךְ וִויל, נֶעמְט מִיךְ מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים אוּן אִיךְ וֶוער אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט. מַיין מוֹיל אִיז מַמָּשׁ וִוי פַארְשְׁלָאסְן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל אוֹיסְנוּצְן מַיין מוֹיל וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיין מוֹיל, וֶוען אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַאר דִיר יֶעדְן טָאג, וֶוען אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי דִיר אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף, וָואלְט אִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן אוּן אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן אַלֶע מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; וֶוען אִיךְ זָאל וֶוען נוּצְן מַיין מוֹיל צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואלְט דִי תּוֹרָה מִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ אוּן מִיךְ בַּארוּאִיגְט פוּן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת; אַנְשְׁטָאט דֶעם נוּץ אִיךְ מַיין מוֹיל נָאר צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן אוּן זַאכְן וָואס דוּ לָאזְט נִישְׁט רֶעדְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיף מִיר נָאךְ פִיל מֶער צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מַיין מֹחַ אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט, אִיךְ טְרַאכְט נָאר פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן עֲבֵירוֹת, מַיין מֹחַ אִיז פוּל מִיט אַלֶע סָארְט פְּחָדִים, אִיךְ טְרַאכְט נָאר וָואס אַ צְוֵייטֶער וֶועט זָאגְן אוֹיף מִיר, אוּן מַיין מֹחַ אִיז פַארְדְרֵייט מִיט אַלֶע סָארְט גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, שִׁיק מִיר שׁוֹין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת׳ן צַדִיק אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט דֶעם כֹּחַ מִיר אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן מַיין שְׁוֶוערֶע גָלוּת מִצְרַיִם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ צוּהֶערְן צוּם קוֹל פוּן דֶעם צַדִיק, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל פָאלְגְן דִי אַלֶע עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִיק, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת, אִיךְ וֶועל אֱמֶת׳דִיג שְׁפִּירְן דֶעם "כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם", אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין מִצְרַיִם, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ קֶענֶען זִינְגֶען שִׁירָה פַאר דִיר, אוּן דִיר דַאנְקֶען פַאר דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן מִיט מִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַּזְרִיעַ תשפ"ב)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אהרן יוסף קליין** הי"ו קרית יואל

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **שמעי' וואקס** הי"ו טבריה

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **בניהו אונגאר** הי"ו קרית ברסלב

צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון הבחור **דוד** נ"י

***

מו"ה **אברהם רוטמאן** הי"ו ירושלים

צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון הבחור **משה** נ"י

# אִיךְ אַלֵיין בִּין אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן מִצְרַיִם

חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קט"ז:) אַז יֶעדֶער אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר, דַארְף זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם. וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן, וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד שְׁפִּירְן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם?

וֶוען מֶען וַוייסְט אָבֶּער וָואס עֶס מֵיינְט מִצְרַיִם, דַאן אִיז דֶער תֵּירוּץ זֵייעֶר פָּשׁוּט אוּן פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ. וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, אִיז זֵייעֶר מוֹיל גֶעוֶוען אִין גָלוּת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער דֶעם שְׁלֶעכְטְן פַּרְעֹה, וָואס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "פֶּה רַע" - אַ שְׁלֶעכְטֶע מוֹיל. זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נָאר צוּ עֶפֶענֶען דֶעם מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם, אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וָואס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "פֶּה סָח" - דִי מוֹיל הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ד, ב') "וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת" זֵייעֶר מוֹיל אִיז אַרוֹיס אוֹיף דֶער פְרֵיי, זֵייעֶר מוֹיל אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת מִצְרַיִם אוּן פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר בַּיי יֶעדְן אִיד. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שְׁוֶועריִקֵייטְן בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת וֶוען עֶר אִיז אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער זַיינֶע בַּאגְרֶענִיצוּנְגֶען; בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען טְרֶעפְט אַן אֱמֶת׳ן צַדִיק וָואס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַאר׳ן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אַז עֶר הָאט אַ וֶועג צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיין גָלוּת, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן דֶער וֶועג אִיז אַז עֶר זָאל עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע צָרוֹת, עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן אִים שִׁיקְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, עֶר טְרֶעפְט אַ צַדִיק וָואס עֶפֶנְט אִים דָאס מוֹיל אוּן מַאכְט אִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזַא מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַז עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר אִיז אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן פַאר דִי הַגָּדָה דֶעם שְׁטִיקֶל זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא, מ:) "פִּקּוּדָא בָּתַר דָא", זָאגְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר אַז עֶס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיפְ׳ן יֶעדְן מֶענְטְשׁ צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁטֶענְדִיג דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ נֵס, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, דַארְף עֶר דָאס זִיכֶער דֶערְצֵיילְן אוּן מְפַרְסֵם זַיין פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַזַא גְרוֹיסֶער נֵס אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט אִים גֶעעֶפֶנְט דִי מוֹיל אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער נֵס. וַוייל דָאס וֶועט אִים שׁוֹין אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס וֶועלְן אִים נָאר אוּנְטֶערְקוּמֶען אִין לוֹיף פוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. סַיי וָואס דֶער פְּרָאבְּלֶעם וֶועט נָאר זַיין, וֶועט עֶר וִויסְן דֶעם רִיכְטִיגְן אַדְרֶעס, עֶר וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט עֶר אַלֶעמָאל זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן יֶעדֶע צָרָה.

אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז נָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אוֹיבּ אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט וִוי דֶער גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז עֶר נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַ מֶענְטְשׁ קְלֶערְט אַז נָאר וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ עֶק וֶועלְט, עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן, נָאר דֶעמָאלְט קֶען עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְט קֶען עֶר נִישְׁט סְתָּם אַזוֹי רֶעדְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים, נָאר דֶעמָאלְט הֵייסְט עֶס אֱמֶת׳דִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט יֶעדְן אִיד. נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי גְרוֹיס אָדֶער קְלֵיין מֶען אִיז, אַלְץ שְׁטֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרֵייט אוֹיסְצוּהֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן יֶעדְן אִיד׳ס מוֹיל. דֶער אִיד דַארְף פָּשׁוּט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן זָאגְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע מַאמֶע לָשׁוֹן, דֶעם פְּרָאבְּלֶעם וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אַ נָאנְטֶער גוּטֶער פְרַיינְד. דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז עֶס זָאל בִּכְלַל קוּמֶען דִי צָרָה אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דֶערְפַאר וַוייל עֶר וִויל דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וִויל אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן זַיין שְׁלָאף, עֶר וִויל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אִים.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁר׳ן פֶּסַח)


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**